# פאקט צעטל

אפריל 2015

500 קענט עוועניו
ברוקלין, ניו יארק

www.coned.com/mgp

## NYSDEC באשטעטיגט אז פאדערונגען זענען דערגרייכט געווארן

### אַריינפיר

די ניו יארק סטעיט דעפּאַרטמענט אָוו ענווייראָמענטעלע קאָנסערוועישאָן (NYSDEC) האָט באַשטימט אַז קאָן עדיסאָן איז נאָכגעקומען די פּאַררעכטונג פּאָדערונגען צו אַדרעסירן פאַרפעסטיגונגען אין פאַרבינדונג מיט די געוועזענע 'קענט עוועניו דזשענערעיטינג סטאַנציע' ("פּלאַץ"), אויף 500 קענט עוועניו, ברוקלין, ניו יאָרק (NYSDEC פּלאַץ קאָוד V00732). NYSDEC האָט אַרויסגעגעבן אַ באַפרייאונג און פּאַרפליכטונג נישט צו קלאָגן קאָן עדיסאָן בשייכות מיט דעם פּלאַץ.

### באַפרייאונג און פּאַרפליכטונג נישט צו קלאָגן

די באַפרייאונג און פּאַרפליכטונג נישט צו קלאָגן צייכנט אָפּ דעם אָפיציעלן שלוס פון קאָן עדיסאָן'ס פּאַררעכטונג שריט פלאַן אויף דעם שטח, און ערלויבט צוריק צו אַנטוויקלען דעם שטח און עס זאָל צוריקגעברענגט ווערן פאַר פּראָדוקטיווער באַנוץ פאַר די געמיינדע. עס דייט אָן אַז קאָן עדיסאָן האָט דורכגעפירט אַלע פּאַרלאַנגטע אַרבעט אויף דעם שטח און עס פּאָדערן זיך שוין נישט קיין שום ווייטערדיגע שריט, ווילאַנג מ'האַלט זיך צום 'סייט באַהאַנדלונג פּלאַן" (SMP), די אָפּמאַך דעקלעראַציע און באַגרעניצונגען (דיעד באַגרעניצונגען) בלייבן אין קראַפט, און עס ווערן נישט געפינען קיין שום באַווייזן פון נאָך פּאַרפעסטיגונגען.

### הויכפונקטן פון דעם ענדגילטיגן אינזשענירישן באַריכט

די פּאַררעכטונגען אויפ'ן שטח האָבן איינגעשלאָסן דאָס באַזייטיגן און אַוועקשטעלן פון אומגעפער 13,700 טאָנען פון זאמד און אָפּפאַל ביז אַראָפּ צום וואַסער שטאַפּל אָדער די בעיסמענט'ס צעמענט באַזע (בערך 5 – 13 פיס גראָד אַראָפּ) אין איינקלאַנג מיט NYSDEC פאַרבאָטענע 'רעזידענשאַל זאמד אויפרייניגונג ציל' (oSCO). ריינע אָנפּולונגען מאַטעריאַלן זענען אַריינגעברענגט געוואָרן צו ערזעצן די אויסגעגראָבענע זאַמדען און אָפּפאַל און אַוועקזשטעלן די פּאַרגעלייכטע גראַדען אויפ'ן שטח.

אינעם צפון טייל פונעם שטח, איז רעגיסטריט און באַזייטיגט געוואָרן אַן אַלטער אונטערדישער מאַגאַזין טאַנק וועלכע איז גענוצט געוואָרן צו האַלטן אויל ברענשטאָף. די אַרומיגע זאַמדען זענען אויך אַרויסגעגראָבן געוואָרן.

די פּאַררעכטונג האָט אויך אַריינגענומען אַ צוויי-פיס זאַמד איבערדעק אויפ'ן דרום-מערב ווינקל פונעם שטח (אַ פּלאַץ וואָס איז נישט אויסגעשטעלט פאַר אויסגראָבונגען) צו ערלויבן פאַר באַגרעניצטע רעזידענשאַל באַנוץ פונעם שטח. דער זאַמד צודעק איז איבערגעצויגן געוואָרן מיט אַ דריי פערטל אינטש שטיין.

דורכאויס די פּאַררעכטונגען, זענען געמאַכט געוואָרן גאָר-שטאַרקע באַמיאונגען צו באַשיצן די געמיינדע פון מעגליכע שעדליכקייטן. עס זענען גענוצט געוואָרן פּאַסיגע טעכניק צוריקצוהאַלטן דעם שטויב צו פּאַרמיידן די אַרויסקומונג פון אַזבעסטאָס אין אַנדערע שעדליכע לופט-שטיקלעך אין די אַרומיגע געגנט. די ניו יאָרק סטעיט העלט דעפּאַרטמענט (NYSDOH)-באַזירטע לופט באַבאַכטונג פּראָגראַם (CAMP) איז איינגעשטעלט געוואָרן צו פּאַרמינערן מעגליכע קורץ-טערמיניגע אויסשטעלונגען פון די שעדליכקייט פאַר אַרבעטער און לאָקאַלע איינוואוינער. אין צוגאַב, איז דאָרט געווען אַן אַזבעסטאָס לופט באַאָבאַכטונג פּראָגראַם. אַלע לופט באַאָבאַכטונגען דאַטאַ זענען אַרויסגעשטעלט געוואָרן צו NYSDEC, און NYSDOH די עפנטליכקייט דורך די וועב-זייט, [www.coned.com/mgp](http://www.coned.com/mgp).

פּאַררעכטונגען אויפ'ן אָרט שליסט אָוך אַריין אַ 'צווישן-צייטיגע פּאַררעכטונג מאָסנאַם' (IRM) וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן שפּעט 2011 – ביז אָנהייב 2012. די IRM באַשטייט פון באַזייטיגן אַראָפּגעזעצטע שטויבן פון אַ געוועזענעם אַש-גרוב, וואָס איז געבויעט געוואָרן אין די שפּעטע 1920os אָדער 1930os און איז פּלאַצירט אויפ'ן צפון-מערב טייל פונעם שטח. דער אַש-גרוב איז דאַן געוואָרן צוריק אָנגעפולט מיט נידריגע-געדוכטע סעליולער צעמענט אָנפולונג און צוגעדעקט מיט סטרוקטור צעמענט.

דאקומענטן בשייכות מיט דעם פּראָיעקט זענען דאָ צו באַקומען: **ברוקלין קאָמיוניטי באָורד 2,** 350 דזשעי סטריט, 8טער שטאָק, ברוקלין, נ.י., 11201, 718-596-5410 שעות מאנטאָג-פרייטאָג, 4-9 מיטאָג; **וויליאַמסבורג פּובליק לייבערי**, 240 דיוויזישאָן עוועניו, ברוקלין נ.י. 11211 טעלעפאָן: 718-302-3485 שעות מאנטאָג/ מיטוואָך/ דאָנערשטאָג/ פרייטאָג - 10-6 אָוונט, דינסטאָג 1-8 אָוונט. געשלאָסן שבת און זונטאָג, און www.coned.com/mgp (קענט עוועניו קנעפּל)

---

Department of Environmental Conservation

State of New York Department of Health

אין צוזאממענארבעט מיט

conEdison

**לכבוד אינטערעסירטע איינוואוינער,**

דער פאַקט צעטל שטעלט צו פרישע אינפאָרמאַציע איבער דעם שטאַטוס פון די געוועזענע קענט עוועניו דזשענערעיטינג סטאַנציע.

אויב איר האָט סיי וועלכע פראַגעס אָדער איר ווילט מער אינפאָרמאַציע, ביטע פאַרבינדט אייך מיט:


Antonia Yuille
Con Edison
30 Flatbush
Brooklyn, NY 11217
Tel: (718) 802-5666
E: yuillea@coned.com


פאַר ענווייראָמענטעלע פראַגעס בשייכות מיט דעם פלאַץ, ביטע פאַרבינדט אייך מיט:


Douglas MacNeal
Project Manager
NYSDEC
625 Broadway
Albany, NY 12233
Tel: (518) 402-9662
Douglas.macneal@dec.ny.gov


פאַר געזונטהייט פראַגעס בשייכות מיט דעם פלאַץ, ביטע רופט


Albert DeMarco
NYSDOH
Bureau of Environmental Exposure Investigation
Empire State Plaza
Corning Tower, Rm 1787
Albany, NY 12237
Tel: (518) 402-7860
Email: beei@health.ny.gov


פאַר מער אינפאָרמאַציע, גייט צו
**www.dec.ny.gov/chemical/24904.html**

NYSDEC פאַרפיגט אויך מיט אַן ענווייראָמענטעלע אויספאָרשונג פון 'מאַניופעקטשערד גאַז פלענט' (MGP)-פאַרבינדענע פאַרפעסטיגונגען וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך נעשאַנעל גריד אויפ'ן געוועזענעם נעסאָו גאַז אַרבעט פלאַץ וועלכע איז האַרט צו דרום פון קאָן עדיסאָן'ס שטח. אַלס טייל פון די פאַררעכטונג פון קאָן עדיסאָן'ס שטח, האָט נעשאַנעל גריד גענומען ענווייראָמענטעלע עקזעמפּלאַרן אויף דעם שטח אין מאי 2014. די רעזולטאַטן פון די אויספאָרשונג צייגן MPG-פאַרבינדענע פאַרפעסטיגונגען אונטער'ן שטח.

וויבאַלד עס בלייבן פאַרפעסטיגטע זאַמדען אונטער'ן שטח, ווערן געפאָדערט אינסטיטוציאָנעלע און אינזשענירישע קאָנטראָלן צו באַשיצן די מענטשליכע געזונט און די ענווייראָמענט. די אינזשענירישע און אינסטיטוציאָנעלע קאָנטראָלן זענען אַ טייל פונעם 'שטח באַהאַנדלונג פלאַן' (SMP) פאַר'ן שטח און שליסן אַריין דאָס אויפהאַלטן דעם צוויי פיסיגן זאַמד דעק אינעם צפון-מערב ווינקל פונעם שטח צו ערלויבן באַגרעניצטע רעזידענשאַל באַנוץ אויף דעם שטח און דאָס אַרויפשטעלן אַ דעקלעראַציע פון אָפּמאַכן און באַגרעניצונגען, וועלכע פאַרלאַנגן זיך צו האַלטן צו SMP. די SMP שליסט אויך אַריין מעלדונגען צו די NYSDEC איבער סיי וועלכע אַדיינדרינגליכע אַרבעט ווערט דורכגעפירט אויפ'ן שטח, און אַ באַאָבאַכטונג פלאַן אָפּצושאַצן ווי אַזוי די פאַררעכטונג אַרבעט זיך אויס און ווי ווירקזאַם עס איז.

**קומענדיגע שריט**

NYSDEC האָט אַרויסגעגעבן די באַפרייאונג און פאַרפליכטונג נישט צו קלאָגן (אום אַפּריל 7, 2015) באַזירט אויף איבערקוקן און באַשטעטיגן דעם 'ענדגילטיגן אינזשענירישן באַריכט' (FER) און SMP וואָס איז אַריינגעגעבן געוואָרן דורך קאָן עדיסאָן. די FER שילדערט אַז די פאַררעכטונג אַקטיוויטעטן זענען דורכגעפירט געוואָרן, זענען באַשטעטיגט געוואָרן און אַז די פאַררעכטונג אויפפאָדערונגען זענען דערגרייכט געוואָרן אויפ'ן שטח און זענען איינגעשלאָסן געוואָרן אינעם SMP.

מיט'ן באַפרייאונג און פאַרפליכטונג נישט צו קלאָגן, לויטעט NYSDEC אַז קאָן עדיסאָן האָט דערפאָלגרייך פאַרראָכטן דעם פלאַץ און אַז דער פלאַץ קען איצט גענוצט ווערן פאַר ביז צו און אַריינגערעכנט באַגרעניצטע רעזידענשאַל צוועקן.

**איינשליסונג פונעם פובליק**

אַ בירגער באַטייליגונג פלאַן (CPP) איז אויסגעאַרבעט געוואָרן צו צושטעלן פאַר די געגנט די היסטאָריע פונעם שטח, די אויספאָרשונג אַרבעט וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן ביז'ן היינטיגן טאָג, די זאָרגן פון די מיט אַן אינטערעסע דערין און אַ קאָנטאַקט ליסטע פאַר אָנגייענדע קאָמיוניקאַציע בנוגע דעם שטח. די CPP האָט אויך געשילדערט בירגער באַטייליגונג אַקטיוויטעטן וואָס זענען דורכגעפירט געוואָרן דורכאויס די אויספאָרשונג אויפ'ן שטח און פאַררעכטונגען.

**אינפאָרמאַציע וועגן דעם פלאַץ**

די געוועזענע קאָן עדיסאָן קענט עוועניו דזשענעריטינג סטאַנציע געפינט זיך אויף 500 קענט עוועניו, ברוקלין, ניו יאָרק. דער פלאַץ איז בערך פיר אַקער. בערך 2.6 אַקער איז געווען דער פלאַץ פון אַ סטאַנציע וואָס האָט אויפגעטריבן עלעקטריק קראַפט, און עס האָט זיך געפינען אין אַ זיבן ביז ניין שטאָקיגע געביידע וואָס איז אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן אין 2009 (און ריינע אָנפולונג איז אַריינגעשטעלט געוואָרן אויפ'ן אָרט וואו די געוועזענע סטאַנציע איז געשטאַנען). דער שטח איז ליידיג, אָבער דער פונדאַמענט און בעיסמענטס פון די געוועזענע דזשענעריטינג סטאַנציע און אָריגינעלע פּאַוער-הויז געפינען זיך נאָך אונטער'ן גאַס-שטאַפּל.

